י. ווי גערעדט פריער זיינען בחנוכה געווען צוויי קצוות הפכיים:

א) מצד דעם מצב פון דעם מטה איז דאך געווען א מצב תחתון ביותר, ביז אז טמאו כל השמנים שבהיכל. און אויך די עבודה איז געווען אין א סדר פון מלמטה למעלה: פריער האט בעדארפט זיין פינו את היכלך וטהרו את מקדשיך, ארויסווארפן דעם רע, און ערשט דערנאך והדליקו נרות, און פאר-וואס האט מען געקענט מדליק זיין די נרות, ווייל ס'איז געווען שוין "בחצרות קדשך". ב) מצד דעם גילוי שמלמעלה אבער איז דאך דאס געווען א גילוי שלמעלה מהשתלשלות, בחינת נס שלמעלה מהטבע, וגילוי בחינת פך חתום בחותמו של כהן גדול.

וואס די צוויי קצוות זיינען פארבונדן: דוקא מצד דעם וואס ס'איז געווען א מצב תחתון ביותר (ומצד המטה האט געדארפט זיין די עבודה בדרך העלאה לאט לאט), דוקא דאן האט מען געדארפט אנקומען, און דאס האט ארויסגערופן, דעם פך חתום בחותמו של כהן גדול.

ועד"ז געפינט מען אויך א חילוק פון אופן הדלקת הנרות בימים ההם בשעת ס'איז געווען דער נס, צו הדלקת הנרות בזמן הזה:

איצטער איז דער חיוב הדלקת הנרות צו אלעמען כנ"ל. ניט נאר צו כהנים אדער לויים נאר אויך ישראלים, ביז נשים, ביז אפילו עבדים שאינם משוחררים. - בנוגע פורים איז דא א שאלה צי עבדים שאינם משוחררים זיינען מחוייב בפורים, ווייל די גזירה איז דאך געווען אויף אידן דוקא. משא"כ בנוגע חנוכה, וואס די גזירה איז געווען על המילה כנ"ל, וואס אויך עבדים דארפן זיך מל זיין, איז דאך פשוט אז אויך זיי זיינען מחוייב בעניני חנוכה -

בשעת הנס אבער, האבן געדארפט אינדן די מנורה כהנים דוקא און בשמן טהור דוקא. וואס כאטש אז דער דין איז דאך אז הדלקה כשרה בזר און טומאה דחוי' אדער הותרה בצבור, איז דאס גערעדט געווארן בשעה ס'איז שוין דא א מנורה וכו'. דעמאלט אבער ווען באר פריצים וחללוה, און מען האט געדארפט מחנך זיין די מנורה מחדש, וכדאי' בתוספתא אז מען האט געצונדן בשפודין, איז צוליב חינוך המנורה דארף מען האבן כהנים דוקא און שמן טהור דוקא (וואס דאס איז איינע פון די תירוצים וואס מען פארענטפערט צוליב וואס האט געדארפט זיין דער נס בפך השמן, כאטש אז טומאה דחוי' או הותרה בצבור).

והביאור בזה: בשעת ההעלם וההסתר, ווען טמאו כל השמנים שבהיכל, דארף מען אנקומען לגילוי אור נעלה ביותר - כהנים ושמן טהור. בשעת אבער דער אור איז שוין נמשך געווארן, איז דאס אראפגעקומען צו אלע אידן, ביז צו נשים ועבדים, עד סוף כל הדורות, אז אין זייער הדלקה ווערט נמשך און ס'איז מאיר בחינת פך חתום בחותמו של כהן גדול.

יא. עד"ז ווערט מען אויך פארשטיין דעם טעם שינוי הנוסח שבהנרות הללו, וואס בתחילת הענין איז דער סדר - תשועות, נסים און נפלאות, ובסיום הענין - נסים, נפלאות און ישועות. ווייל פריער רעדט זיך וועגן דעם סדר הזמנים, און דערנאך - וועגן דעם סדר ההמשכה של ההודאה וההילול, וואדום דער סיום על נסיך כו' גייט דאך דאס אויף די ווערטער "להודות ולהלל לשמך הגדול", און אין דעם איז דער סדר: על נסיך ועל נפלאותיך ועל ישועותיך.

דער חילוק



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 150 הודפס ע"י או

דער חילוק פון ג׳ ענינים אלו איז:

ישועה פאסט צו זאגן אפילו אויף אן ענין טבעי. בשעת צווייען זיינען לוחם, איז אפילו ווען ביידע צדדים זיינען גלייך, איז דאך אבער ולאום מלאום יאמץ כשזה קם כו׳, במילא דארף מען האבן א ישועה. דאס איז אבער נים קיין ענין פון א נס שלמעלה מהטבע, ס׳איז אן ענין טבעי.

נס איז אן ענין שלמעלה מהטבע, העכער פון גדרי העולם, וכמ"ש ארים נסי על ההרים. וענין הנס בנצחון המלחמה איז דוקא בשעת אז ביידע צדדים זיינען נים בשוה, ביז אז זייער נים השואה איז אין אן אופן פון אין ערוך, וואס בדרך הטבע מוז דער צד החלש מנוצח ווערן, און בשעת אז דער צד החלש איז מנצח, איז עס א נס שלמעלה מהטבע.

נפלאות מיינט אז עס פאסירט אן ענין וואס רופט ארויס א וואונדער. ס׳איז טאקע נים קיין נס, מען קען דאס מסביר זיין אויך בטבע, אבער דאך איז עס נים קיין דבר הרגיל, עס רופט ארויס א פלא. והו"ע, או בדוגמת, נס המלובש בטבע. ובדוגמת השחרור די"ט כסלו, וואס דער אלטער רבי שרייבט אויף דעם הגדיל והפליא הוי׳ לעשות בארץ, וואס דאס איז דאך נים קיין נס גלוי שלמעלה מהטבע, ווייל דאס איז דאך געקומען ע"י שרים וע"י השתדלוה ובו׳, דאך איז עס אבער געווען נים קיין דבר הרגיל, דערפאר שרייבט דער אלטער רבי אויף דעם דעם לשון „והפליא".

בחנוכה זיינען געווען די אלע דריי ענינים, מיטן סדר פון תשועות, נסים און נפלאות: בתחילה איז געווען די מלחמה במודיעין. וואס די יונים האבן דארט געוואלט מקריב זיין א ד"א, און די חשמונאים האבן זיי פארטריבן. וואס דאן איז נים געווען קיין נס, און אפילו נים קיין פלא, ווייל במקום ההוא זיינען די יונים נים געווען קיין רבים, ואדרבה, די חשמונאים זיינען געווען מער פון די יונים, ס׳איז געווען בלויז א ישועה.

הערנאך, ווען ס׳איז געווען די מלחמה גדולה, און מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים, איז געווען א נס גלוי שלמעלה מהטבע.

דערנאך, ווען מצאו פך אחד חתום בחותמו של כהן גדול, בשעת אז טמאו כל השמנים שבהיכל, איז קיין נס גלוי איז דאס טאקע נים, אז מען וויל זיך איינשפארן קען מען זאגן אז דאס איז אן ענין טבעי. (ובפרט לפי מ"ס המפרשים אז דער פך איז געווען אין אן ארט וואו די יונים האבן נים געקענט צוקומען, דאל"כ האט דאך געדארפט זיין א שאלה טאמער האבן זיי אנגערירט אין דעם און דער פך איז טמא געווארן בטומאת היסט, איז וויבאלד אז ער איז געווען אין א באזונדער ארט, איז דאך א ודאי נים קיין נס גלוי וואס דעם פך האבן זיי נים טמא געווען), אבער דאך א פלא איז דאס: אלע שמנים האט מען טמא געווען, און איין פך איז געבליבן גאנץ.

ולכן בתחילה הענין כשמספרים הסיפור דחנוכה, דערציילט מען עס לפי סדר הזמנים: תשועה, נסים ונפלאות.

- וגם הנס שבפך השמן שדלק ח׳ ימים נכלל בנוסח ד„הנרות הללו" באומרו נסים להון רבים. - וכן בתשועה ונפלאות היו כמה ענינים, שלכן אומר בכולם ל׳ רבים: תשועות, נסים ונפלאות - אלא שההתחלה היתה בענין ראשון מסוג התשועה, ואח"כ בענין ראשון מסוג הנסים, ואח"כ - נפלאות. -

משא"כ בסיום הענין, וואו מען רעדט וועגן „להודות ולהלל לשמך הגדול", איז דער סדר המעלה וההילול: פריער איז מען ממשיך דעם הילול צום



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 151 הודפס ע"י אוצ

צום אויבערשטן אין נסים, דערנאך דערהערט מען אז אויך על נפלאותיך דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן, ביז מען קומט צו דער הכרה אז אפילו על ישעותיך דארף אויך זיין דער להודות ולהלל לשמך הגדול.

בשעת מען זעט א נס גלוי שלמעלה מהטבע, דערקענען דאך אלע אז דאס קומט פון אויבערשטן. דערנאך דארף מען פועל'ן ביי זיך, אז אפילו בשעת עס פאסירט א פלא, וואס מען קען דאס מבאר זיין אין טבע, הרוצה לטעות יבוא ויטעה, דארף מען אויך מהלל זיין אויף דעם צום אויבערשטן. דערנאך דארף מען קומען לידי הכרה, אז אפילו בשעת ס'איז נאר א ישועה, ניט קיין נס גלוי און אפילו ניט קיין נס המלובש בטבע נאר טבע עצמה, איז אויך טבע אליין למעלה מהטבע, און אפילו אויף א ישועה דארף מען אויך דאנקען דעם אויבערשטן וכמ"ש לה' הישועה.

ווארום נוסף על כללות הענין סטבע עצמה היא למעלה מהטבע, איז בפרט בנוגע צו א אידן, איז זיין השפעה, אפילו השפעה שבטבע, איז עס למעלה מהטבע. וכדאיתא בירושלמי שמאמין בחי העולמים וזורע, דער זעלבער ענין וואס ביי א גוי להבדיל וואקסט מצד הטבע, בשעת ער איז חורש וזורע איז צומח עפ"י טבע, איז ביי א אידן אבער איז די איינציקע זאך פארוואס עס וואקסט ביי אים (וואס צוליב דעם גייט ער זורע זיין) איז נאר מצד דעם וואס ער איז מאמין בחי העולמים: וכמבואר בארוכה בקונט' ומעין, אז די השפעת החיות צו אידן מוז קומען דוקא פון אלקות שלמעלה מהטבע.

יב. עפ"י המבואר בחסידות אז דוקא אין דעם מטה מטה ביותר שטייט הער גבוה גבוה ביותר, וואט דעריבער איז דער נס המלובש בטבע העבער פון נס גלוי, און טבע עצמה האט נאך א העכערן שורש, איז מובן אז דער סדר פון על נסיך ועל נפלאותיך ועל ישעותיך, איז א סדר פון מלמטה למעלה: פריער איז די המשכת ההילול אין נסים גלויים, וואס דאס נעמט נאר בחי' הגבלה. און דערנאך – די המשכת ההילול אין נפלאות און ישועות, וואס דאס נעמט עצמות.

און דאס וועט זיין אויך דער אויפטו לעתיד. וכמבואר בדרושי חנוכה בענין רני ושמחי בת ציון, אז ס'איז דאך דא בכלל די דריי מדריגות פון בחי אחותי און אמי,

– וואס די דריי מדריגות זיינען בכללות דוגמת ג' השמות הוי', אלקים ואד', און שדי, שג' שמות אלו הם שקש ג' הנהגות הנ"ל: פון שם הוי' ווערט נמשך די הנהגה ניסית שלמעלה מהטבע; פון שם אלקים און אד' ווערט נמשך הנהגת הטבע, און פון שם שדי ווערט נמשך די הנהגה פון נסים המלובשים בטבע, וכידוע בענין מזוזה (וואס מזוזה האט דאך אויך א שייכות מיט חנוכה) אשר שם שדי הוא ר"ת שומר דלתות ישראל, וואס דאס איז דאך ניט קיין טבע ממש, נאר נס המלובש בטבע, און ווי רבי האט געזאגט אז אזוי ווען מען גיט א מתנה דארף דאך די מתנה האבן א שמירה, משא"כ מזוזה איז א מתנה וואס זי אליין איז שומר, איז דאך דאס א ענין שלמע' מהטבע, נאר מלובש בטבע, בחינת פלא –

איז לעתיד וועט נתגלה ווערן די מעלה פון בת, רני ושמחי <u>בת</u> ציון, נקבה תסובב גבר. אז דוקא בחינת בת וואס דאס איז די נידעריקסטע דרגא (דוגמת בחי' שם אלקים ושם אד') וועט זיין העכער פון בחינת אחותי און אמי.

(חסר קצת ההמשך) שזהו כללות ענין מעלת הנסים שבזמן הגלות, שאין בעל הנס מכיר בנסו, ועז"נ לעושה נפלאות גדולות לבדו, אז נאר ער אליין, „לבדו"



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 152 הודפס ע"י אוצ

„לבדו", וויַיִס פון דיי, און ווי חסידות טייטשט אז בחינת לבדו (פון וואו עס קומען די נטים שבטבע) איז בחינת עד שלא נברא"ע הוי' הוא ושמו בלבד, נאר איצטער איז עס בהעלם, און לעתיד וועט עס קומען בגילוי; וכמ"ש ונשגב הוי' לבדו ביום ההוא.